בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קל"ב

פרשת ויצא שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נַייֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת דְּבָרִים שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### פַאֲרְוָואס קוּמֶען מִיר אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער?

עֶס אִיז פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע כָּבוֹד אוּן חֲשִׁיבוּת אַז אִיךְ קֶען נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין דִי טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרֵי נָשֹׂא, פִּסְקָא א): **"אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לִמְחוּזָּקִין"**, דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק דַארְפְן דִי מְחַנְּכִים וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע. אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע, דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק צוּ גֶעדֶענְקֶען: פַאֲרְוָואס קוּם אִיךְ דָא אַרְבֶּעטְן? אוּן וָואס אִיז מַיין אַרְבֶּעט? אוּן וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן מַיין אַרְבֶּעט?

עֶס מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל אַז בַּעֲלֵי בַּתִּים נֶעמֶען אוֹיף אַן אַרְבֶּעטֶער אוּן זֵיי שְׁמוּעֶסְן נִישְׁט אוֹיס קְלָאר וָואס זַיין אַרְבֶּעט וֶועט זַיין, יֶעדֶע מִינוּט זָאגְט מֶען אִים עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס עֶר דַארְף יֶעצְט טוּן, דָאס מַאכְט זֵייעֶר אוּמְבַּאקְוֶועם פַארְן אַרְבֶּעטֶער, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ צוּ וִויסְן וָואס אִיז מַיין אַרְבֶּעט, אוּן פַארְוָואס קוּם אִיךְ דָא יֶעדְן טָאג אַרַיין פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז פִינְף אַזֵייגֶער. אַ גוּטֶער בַּעַל הַבַּיִת שְׁטֶעלְט אַוֶועק פַאר זַיין אַרְבֶּעטֶער קְלָארֶע אַרְבֶּעט וָואס עֶר דַארְף טוּן; אַוַודַאי קֶען עֶר אִים אוֹיךְ אַמָאל בֶּעטְן: **"טוּ מִיר דָאס"**, אוּן **"טוּ מִיר יֶענְץ"**, אָבֶּער בְּדֶרֶךְ כְּלַל הָאט דֶער אַרְבֶּעטֶער זַיין בַּאשְׁטִימְטֶע אַרְבֶּעט וָואס דָאס אִיז זַיין אוֹיפְגַאבֶּע.

דֶערְפַאר, אַז מֶען הָאט עֶנְק אוֹיפְגֶענוּמֶען צוּ אַרְבֶּעטְן אִין דִי מוֹסָד, דַארְפְט עֶטְץ וִויסְן עֶטְלִיכֶע זַאכְן: פַאֲרְוָואס קוּם אִיךְ דָא אַרְבֶּעטְן? וָואס הָאט מִיךְ דָא אַהֶער גֶעבְּרֶענְגְט? אוּן וָואס אִיז מַיין אַרְבֶּעט? אוּן וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן מַיין אַרְבֶּעט?

אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע: 'פַאֲרְוָואס קוּם אִיךְ דָא אַרְבֶּעטְן? וָואס הָאט מִיךְ דָא אַהֶער גֶעבְּרֶענְגְט?' קֶען נִישְׁט זַיין דֶער עֶנְטְפֶער אַז מֶען קוּמְט אַרְבֶּעטְן אִין דִי מוֹסָד כְּדֵי צוּ פַארְדִינֶען צֶען פוּפְצְן דָאלֶער אַ שָׁעָה... וֶוער עֶס אִיז קוּמְט אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד פָּשׁוּט צוּ בַּאקוּמֶען גֶעהַאלְט - אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא פִיל בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסוֹת וואוּ מֶען קֶען פַארְדִינֶען אַסַאךְ מֶער גֶעלְט.

דֶער עֶנְטְפֶער דַארְף זַיין: אִיךְ קוּם דָא אַרְבֶּעטְן וַוייל אִיךְ וִויל אוֹיפְהֵייבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט?

יֶעצְט דַארְפְן מִיר קְלָאר מַאכְן: 'וָואס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט, אוּן וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט?'

דֶער צִיל פוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז, אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דָאס לִיבְשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז; אוֹיךְ דַארְף מֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער אוּן גֶעבְּן לִיבְשַׁאפְט פַאר דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז דֶער מַטָּרָה פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד, אוּן דָאס פַארְלַאנְג אִיךְ פוּן יֶעדְן מְחַנֵּךְ פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד.

לֵיידֶער זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער אוּן הַרְגְ'עֶנֶען זֵייעֶר זֶעל (נֶפֶשׁ), קֵיינֶער הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַ גוּט וָוארְט: **"דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ וואוֹיל קִינְד"**.

דֶערְפַאר לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיף אוּנְז

## אַ פִידֶער אִין כִּתָּה

מְחַנְּכִים, צוּ גֶעבְּן לִיבְשַׁאפְט פַאר דִי קִינְדֶער, צוּ גְלֶעטְן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

מֶען דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער נִישְׁט נָאר פַאר דִי קִינְדֶער וָואס מֶען גְלַייכְט, וַוייל זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער אוּן זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מַלְכוּת'דִיג; מֶען דַארְף אוֹיךְ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אִין חֵדֶר צוּפְלוֹיגְן אוּן מִיט פָּשׁוּטְ'עֶ קְלֵיידֶער.

אַ מְחַנֵּךְ דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן וֶועג וֶוען עֶר גֵייט אִין חֵדֶר: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים; אִיךְ זָאל גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן קִינְד. אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען אַ קִינְד הָאט מִיר נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז נָאר אַ קִינְד, אוּן עֶר מֵיינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן מִיט מִיר"**.

אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ זַיינֶע תַּלְמִידִים, דַארְף עֶר יֶעצְט אַרַיינְגֵיין צוּם מְנַהֵל אוּן זָאגְן: **"אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין דָא אַ מְלַמֵּד, וַוייל אֵיין קִינְד הָאבּ אִיךְ נִישְׁט לִיבּ אוּן אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט סוֹבֵל זַיין"**.

### אוֹיסְלוֹיבְּן אַ קִינְד מִיט זַיינֶע נַייֶע זַאכְן

וֶוען אַ קִינְד קוּמְט דֶערְצֵיילְן: **"רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ אַ נַייֶע הֶעמְד"**, קֶען מֶען אִים נִישְׁט אִיגְנָארִירְן אוּן זִיךְ וַוייטֶער גֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ וואוּסְנְדִיג מַאכְן, מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן אַ גְלֶעט, אַ גוּט וָוארְט, אוּן אִים אוֹיסְלוֹיבְּן: **"וַואוּ! אַזוֹי שֵׁיין!"** וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וִויל דָאךְ מֶען זָאל אִים אוֹיסְלוֹיבְּן מִיט זַיינֶע נַייֶע זַאכְן.

דָאס אִיז נוֹגֵעַ סֵיי בַּיי אִינְגְלֶעךְ אוּן סֵיי בַּיי מֵיידְלֶעךְ, בַּיי אִינְגְלֶעךְ אִיז עֶס מִיט אַ

נייע הֶעמְד און נייע שִׁיךְ, און בּיי מיידלעךְ איז עס בּיי אַ נייע רינגל און אַ נייע האַנט-בּאַנד (בּרֶעסְלֶעט), וְכַדוֹמֶה.

## אויסלערנען דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבער נישט דאָס איז דער ציל

די הייליגע תּוֹרָה זאָגט (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק א'): **"דֶרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה"**, מען דאַרף אויסלערנען פאַר די קינדער צו האָבן דֶרֶךְ אֶרֶץ פאַרן מְלַמֵּד. עס טאָר נישט זיין אַזאַ זאַךְ אַז קינדער זאָלן רעדן אָדער זיךְ אויפשטעלן בּשעת אַ מְלַמֵּד האַלט אינמיטן רעדן. די זעלבּע זאַךְ איז לְגַבֵּי קינדער מיט עלטערן; עלטערן דאַרפן אויסלערנען זייערע קינדער אַז מען טאָר נישט רעדן ווען אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע האַלט אינמיטן רעדן.

מען קען נישט זאָגן: 'מיךְ בּאַדערט נישט אויב די קינדער רעדן אָדער שטעלן זיךְ אויף בּשעת איךְ האַלט אינמיטן רעדן', ווייל מען פאַרלאַנגט נישט פון די קינדער דֶרֶךְ אֶרֶץ צוליב די אייגענע כָּבוֹד, נאָר ווייל דער אייבערשטער האָט אַזוי געהייסן.

ווען אַ מְלַמֵּד קומט אַריין אין חֶדֶר דאַרף ער זיין זייער שטאַרק בּיי זיךְ אין מֹחַ צו וויסן אַז אַזוי קומט אַ כִּתָּה 'קינדער קענען זיךְ נישט עפּענען דאָס מויל אינמיטן פאַרלערנען'.

אויב אַ קינד האָט יאָ גערעדט אינמיטן פאַרלערנען, דאַרף מען אים אָפּשטעלן, אַמאָל מיט שטרענגקייט און אַמאָל מיט שֵׁיינעם; אַמאָל איז גענוג צו געבן אַ שאַרפן קוק אויף דעם קינד, און אַמאָל דאַרף מען אים שוין זאָגן: **"ווען אַ רֶבִּי רעדט קען מען נישט רעדן!"** און אַמאָל זאָל מען געבן פאַר די קינדער וואָס רעדן נישט אַריין ווען דער מְלַמֵּד רעדט - אַ בּאַזונדערע קאַרטל פון אַ פּראָגראַם.

מען דאַרף אָבער וויסן, דאָס וואָס מען שטעלט אַוועק אַ דיסציפּלין אין כִּתָּה, און מען פאַרלאַנגט אַז די קינדער זאָלן האַלטן די הענט אויפן טיש וְכוּ' וְכוּ', איז טאַקע אַ חֵלֶק פון אונזער אַרבּעט, מען מוז עס פאַרלאַנגען פון די קינדער, אָבער נישט דאָס איז די 'מַטָּרָה'; דאָס איז נאָר אַזוי ווי די טרעפּ און דער בּאָס וואָס טראָגט צום ציל.

אַז עס איז דיר שוין געלונגען צו האָבן די כִּתָּה אין די האַנט, און קיינער רעדט שוין נישט אַריין, און קיינער שטעלט זיךְ שוין נישט אויף אינמיטן פאַרלערנען, דאַרפסטו יעצט צוגיין צום ציל, לייג אַריין אין די קינדער אַסאַךְ לִיבְּשַׁאפְט.

## מען דאַרף איבּערזאָגן יעדע זאַךְ נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל

איךְ בּעט ענק טייערע מְחַנְּכִים, לערנטס אויס די קינדער זיי זאָלן האָבן גוטע מִידוֹת. גרייטס ענק אָן שיינע מַעֲשִׂיּוֹת צו דערציילן פאַר די קינדער ווי שיין עס איז צו האָבן גוטע מִידוֹת, צו מאַכן שָׁלוֹם און צו מְוַתֵּר זיין.

ווען מְחַנְּכִים רעדן זיךְ אויס צו מיר אַז די קינדער זענען מַמָּשׁ געפערליךְ, זיי האָבן שלעכטע מִדוֹת, זיי האַלטן זיךְ אין איין קריגן און טשעפּען, זיי שטעכן און פליקן זיךְ איינער דעם אַנדערן מיט ווערטער, מען קען שוין גאָרנישט טון מיט זיי... שטיי איךְ און איךְ וואונדער זיךְ: 'וואָס איז דאָ זיךְ אַזוי אָפּצוּוּנדערן? דאָס זענען דאָךְ קינדער! רעדט צו זיי נאָכאַמאָל פון האָבן גוטע מִדוֹת'.

ווען מען וואָלט מיר געזאָגט אַז אינגעלייט פליקן זיךְ איינער דעם אַנדערן, וואָלט עס געווען אויפּפאַלנד, ווייל ערוואַקסענע מענטשן פליקן זיךְ שוין נישט, אָבער דאָ רעדט מען דאָךְ פון קליינע קינדער, זאָלן די מְחַנְּכִים זיךְ אַרויפשאַרצן די אַרבּעל און נאָכאַמאָל רעדן צו די קינדער פון גוטע מִדוֹת.

מען קען נישט טוישן אַ נאַטור פון אַ מענטש מיט איין דְרָשָׁה, אַ מענטש איז נישט קיין מאַשין וואָס מיט איין דרוק אויפן קנעפּל קען מען עס אָנצינדן און אויסלעשן. עס איז נישט גענוג דאָס אַז מען האָט שוין אַמאָל גערעדט פון האָבן גוטע מִדוֹת; אַז עס איז שוין אַריבּער פינף טעג פון אַ שְׁמוּעֶס, דאַרף מען עס שוין נאָכאַמאָל מְחַזֵּק זיין.

איךְ האָב דאָס בּיי מיר אין שְׁטוּבּ כְּסֵדֶר, עס איז דאָךְ דער סֵדֶר פון געשְׁוויסטער אַז מען קריגט זיךְ... זאָג איךְ פאַר מיינע קינדער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל: **"מען טאָר זיךְ נישט קריגן, עס איז אַ גרויסע עֲבֵירָה"**. איךְ פיר נישט מיין שטוב מיט אַ בּוךְ וואו מען פאַרשרייבּט און מען האַלט חֶשְׁבּוֹן וויפיל מאָל מען האָט שוין געזאָגט פאַר יעדן קינד וְכוּ', אָבער איךְ שטעל זיךְ פאַר אַז איךְ האָב שוין איבּערגעזאָגט פאַר מיינע קינדער אַפּאָר טויזנט מאָל אַז מען טאָר זיךְ נישט קריגן, און איךְ וועל זיי עס ווייטער איבּערזאָגן, ווייל פאַר קינדער דאַרף מען איבּערזאָגן יעדע זאַךְ נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

## וואָס קען מען טון מיט אַ קינד וואָס שרייט קְלָלוֹת נִמְרָצוֹת?

אַ מְלַמֵּד האָט מיר געפרעגט: **"איךְ האָב אין מיין כִּתָּה אַ אינגל וואָס ווען ער רעגט זיךְ אויף, שרייט ער קְלָלוֹת נִמְרָצוֹת, ער שרייט: 'גַּזְלָן! רָשָׁע!' איךְ האָב שוין געהאַלטן אַ דְּרָשָׁה אַז מען טאָר נישט ניצן די סאָרט ווערטער, און אַ טאָג דערויף האָט ער זיךְ ווידער אויפגערעגט און ער האָט ווייטער געשריגן מיט די ווערטער, דער ראש ישיבה האָט עפּעס אַן עֵצָה?"** זאָג איךְ אים: **"יאָ; די עֵצָה איז, דו זאָלסט נאָכאַמאָל רעדן פון דעם! זאָג פאַר די קינדער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַז מען טאָר נישט זאָגן דעם וואָרט 'רָשָׁע' אויף אַ צווייטן איד, און אויב נאָךְ די דְרָשָׁה זאָגן זיי עס ווייטער, זאָלסטו עס נאָכאַמאָל איבּערזאָגן".**

צופעליג דער מְלַמֵּד, בּאַדאַנקט זיךְ פאַר מיר יעדע וואָךְ אַז די 'לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר' האָט אים מַמָּשׁ גערעטעוועט, עס האָט אים געגעבן חִיזּוּק צו רעדן שיין אינדערהיים און צו זאָגן מִשְׁנַיוֹת וְכוּ', זאָג איךְ פאַרן מְלַמֵּד: **"וואָס בּאַדאַנקסטו זיךְ אַזוי יעדע וואָךְ נאָכן לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, איךְ האָב דאָךְ שוין פּאַריגע וואָךְ געזאָגט די זעלבּע זאַכן, אַז מען דאַרף רעדן שיין אינדערהיים און אַז מען דאַרף לערנען יעדן טאָג; די זעלבּע זאַךְ זאָלסטו טון מיט דעם קינד, זאָלסט אים איבּערזאָגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַז מען טאָר נישט ניצן די סאָרט ווערטער".**

דֶּרֶךְ אַגַּב האָב איךְ צוגעלייגט פאַרן מְלַמֵּד אַז דער קינד קומט פון אַ שְׁטוּבּ וואָס איז נישטאָ אַזאַ שטאַרקע לִיבְּשַׁאפְט צווישן די עלטערן; דאָס איז טאַקע נישט קיין תֵּירוּץ פאַרן קינד אַז ער מעג ניצן די סאָרט ווערטער, אָבער קוק אויף אים מיט רַחְמָנוּת, און האָב געדולד אים איבּערצוזאָגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל ווי אַזוי צו רעדן שיין.

## בּיי מיטאָג איז אַ גוטע געלעגנהייט אויסצולערנען גוטע מִדוֹת

אין די צייט פון מיטאָג ווען די קינדער עסן און זיי שפּילן זיךְ, איז זייער אַ גוטע געלעגנהייט אויסצולערנען די קינדער צו האָבן גוטע מִדוֹת.

ווייל בּשעת מען זיצט אין כִּתָּה און מען לערנט פאַר, זיצט דאָךְ יעדער מיט די הענט אויפן טיש און מען לערנט, קען מען נישט אַזוי גוט בּאַמערקן די מִדוֹת און דאָס אויפפירונג פון די קינדער, אָבער בּשעת

דִי קִינְדֶער עֶסְן אוּן זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ, קֶען מֶען בַּאמֶערְקְן וֶוער עֶס וַוארְפְט עֶסְן, וֶוער שְׁפְּרִיצְט אָן אַ צְוֵוייטְן אוּן וֶוער עֶס טְרֶעט אוֹיף אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען רֶעדְט דֶעמָאלְט צוּ דִי קִינְדֶער - קֶען מֶען גְרִינְגֶער פּוֹעֶלְ'ן, וַוייל אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער וָואס הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ אִין כִּתָּה צוּם מְלַמֵּד, הֶערְן יָא אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי מִיטָאג אִין עֶס-זַאל אוּן בַּיים שְׁפִּילְן, וַוייל בַּיים עֶסְן אוּן בַּיים שְׁפִּילְן זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער דֶערְבֵּיי.

דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אַ טַאטֶע הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן זָאגְן אַז זַיין קִינְד אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר וֵויינֶענְדִיק אַז זַיין גַאנְצֶע כִּתָּה רוּפְט אִים מִיט אַ צוּנָאמֶען 'דֶער אֵייעֶר אִינְגְל', וַוייל אֵיין אִינְגְל פוּן כִּתָּה גְלַייכְט נִישְׁט צוּ עֶסְן אֵייעֶר אוּן עֶר וִויל דָאךְ נִישְׁט זַיין דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אִינְגְל וָואס עֶסְט נִישְׁט קַיין אֵייעֶר, מַאכְט עֶר חוֹזֶק פוּן עֶסְן אֵייעֶר, אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ בּוּשָׁה בַּיי אַלֶע קִינְדֶער צוּ עֶסְן אֵייעֶר, אוּן זַיין קִינְד אִיז גֶעוֶוען הוּנְגֶערִיג אוּן עֶר הָאט יָא גֶעגֶעסְן אֵייעֶר, הָאט מֶען אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רוּפְן: 'דֶער אֵייעֶר אִינְגְל'.

דֶער מְנַהֵל פְרֶעגְט מִיר: **"וָואס זָאל מֶען דָא טוּן?"** זָאג אִיךְ אִים: **"דָאס אִיז דַיין אַרְבֶּעט וֶוען דוּ בִּיסְט מִיט דִי קִינְדֶער בַּיים עֶסְן; דוּ דַארְפְסְט זִיכֶער מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער וָואס גְלַייכְן נִישְׁט אַ גֶעוִויסֶע עֶסְן, מַאכְן נִישְׁט חוֹזֶק פוּן דִי וָואס עֶסְן יָא, אוּן קֵיינֶער וֶוערְט נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט".**

## מֶעג זַיין אַ פִירֶער אִין כִּתָּה?

מְחַנְּכִים פְרֶעגְן מִיר כְּסֵדֶר, אוֹיבּ עֶס מֶעג זַיין אִין כִּתָּה אַ פִירֶער, אַ אִינְגְל וָואס דִי גַאנְצֶע כִּתָּה לוֹיפְט אִים נָאךְ אוּן יֶעדֶער וִויל אִים נָאכְמַאכְן.

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וואוּ דֶער פִירֶער פִירְט אַהִין דִי כִּתָּה. אוֹיבּ דֶער פִירֶער פִירְט דִי כִּתָּה בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר, דָאס מֵיינְט, עֶר אִיז אַן עֶרְלִיךְ קִינְד, מִיט גוּטֶע מִדּוֹת, עֶר נֶעמְט יֶעדְן אַרַיין אִינֶעם שְׁפִּיל, אוּן עֶר שְׁטוּרֶעמְט נִישְׁט אוֹיף דִי כִּתָּה קֶעגְן דֶעם מְלַמֵּד, אוּן עֶר מַאכְט נִישְׁט אָפּ וֶועלְכֶע סָארְט עֶסְן מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן, אִיז דָאךְ אַ מְחַיֶּה, אַדְרַבָּה זָאלְן אַלֶע אִים נָאכְלוֹיפְן אוּן אִים וִוילְן נָאכְמַאכְן, וַוייל עֶס וֶועט דָאךְ נִישְׁט שָׁאטְן פַאר קֵיינֶעם, פַארְקֶערְט עֶס וֶועט נָאר אוֹיפְהֵייבְּן דִי כִּתָּה זִיךְ צוּ פִירְן גוּט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מֶדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה ב, ב-ג): וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ פַּאסְטוּךְ, עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי שְׁוַואכֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ אוּן אוֹיף דִי יוּנְגֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ זֵיי זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן. עֶר פְלֶעגְט קוֹדֶם אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי קְלֵיינֶע שָׁאף וָואס זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע צֵיינֶער אוּן קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן פוּן אוּנְטְן נֶעבְּן דֶעם וָוארְצְל וואוּ עֶס אִיז הַארְט, זֵיי הָאט עֶר קוֹדֶם אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן שְׁטַאל זֵיי זָאלְן אָפְּעֶסְן דִי וֵוייכֶע תְּבוּאָה. נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעעֶפֶענְט דֶעם טִיר פַאר דִי מִיטֶעלֶע שָׁאף וָואס הָאבְּן שׁוֹין גְרֶעסֶערֶע צֵיינֶער זֵיי זָאלְן עֶסְן פוּן דִי מִיטְלְסְטֶע חֵלֶק פוּן דִי תְּבוּאָה, נָאכְדֶעם הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי עֶלְסְטֶע שָׁאף וָואס הָאבְּן שׁוֹין גָאר שַׁארְפֶע צֵיינֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְרַייסְן בִּיז דִי וָוארְצְלֶען; הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר דָוִד: 'דָוִד, דוּ הָאסְט רַחְמָנוּת אוֹיף שֶׁעפֶּעלֶעךְ, דוּ בִּיסְט רָאוּי צוּ זַיין דֶער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים עח, עא): **"מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ, לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב עַמּוֹ, וּבְיִשְׂרָאֵל נַחֲלָתוֹ"**, פוּן הוּנְטֶער דִי יוּנְגֶע שָׁאף הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּרֶענְגְט דָוִד - צוּ וֶוערְן קֶענִיג אוֹיף זַיין פָאלְק אִידְן; וַוייל אֵיינֶער וָואס פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט יַשְׁרוּת, עֶר טְרֶעט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע - אִיז רָאוּי צוּ זַיין אַ פִירֶער אוֹיף אַנְדֶערֶע.

## אַ כְּלַל אִין חִינוּךְ: גֶעבְּן מוּסָר בָּרַבִּים אָדֶער פְּרִיוַואט?

וֶוען מֶען זֶעט אַ אִינְגְל טְשֶׁעפֶּעט אָדֶער פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן, דַארְף מֶען אִים זָאגְן: **"מֶען קֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען!" "מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען!"** מֶען דַארְף אָבֶער נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיפְמֶערְקְן אַ קִינְד בָּרַבִּים, אַמָאל אִיז גֶענוּג זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיטְן קִינְד פְּרִיוַואט; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי דֶער זַאךְ אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אוֹיבּ אַ מַאמֶע רוּפְט אָן אַ מְלַמֵּד, זִי דֶערְצֵיילְט: **"מַיין קִינְד הָאט מִיךְ נֶעכְטְן גֶעשְׁלָאגְן"**, דַארְף מֶען אַפִּיר נֶעמֶען דֶעם קִינְד פְּרִיוַואט; קֵיינֶער טָאר זִיךְ נִישְׁט דֶערְוִויסְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה, וַוייל דֶער קִינְד הָאט דָאס אוֹיךְ גֶעטוּן פְּרִיוַואט.

אָבֶער אוֹיבּ אַ קִינְד טוּט אַ חוּצְפָּה בָּרַבִּים, אִינְמִיטְן כִּתָּה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶר רוּפְט זִיךְ אָן אִינְמִיטְן כִּתָּה: **"מְשׁוּגֶענֶער רֶבִּי"**, דַארְף מֶען זִיךְ יָא אָפְּגֶעבְּן דֶערְמִיט בָּרַבִּים.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אַז אַ אִינְגְל הָאט גֶעגַנֶבְ'עֶט גֶעלְט פוּן דִי אָפִּיס, אִיז מֶען מִיר גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן וָואס מֶען זָאל טוּן, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט, מֶען זָאל אַפִּיר נֶעמֶען דֶעם קִינְד פְּרִיוַואט אוּן מֶען זָאל אִים זָאגְן: **"מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען!"** אוּן מֶען זָאל אִים זָאגְן אַז עֶס זֶענֶען דָא קַאמֶערֶעס אִין חֵדֶר וָואס כַאפְּן אָפּ וָואס מֶען טוּט, אוּן אוֹיךְ אִיז דָא אַ קַאמֶערֶע הֶעכֶער אַלֶע קַאמֶערֶעס - דָאס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס זֶעט אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט, אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים. אָבֶער קֵיינֶער טָאר נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן וֶוען מֶען נֶעמְט אַפִּיר דֶעם קִינְד, וַוייל עֶר הָאט עֶס דָאךְ גֶעטוּן פְּרִיוַואט.

אוֹיךְ זָאל מֶען רֶעדְן בָּרַבִּים אִין חֵדֶר אִיבֶּער דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן גַנְבְ'עֶנֶען אַז דָאס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע עֲבֵירָה, אוּן אוֹיבּ מֶען גֶעוווֹינְט זִיךְ צוּ צוּ גַנְבְ'עֶנֶען קֶען מֶען חָלִילָה אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה, אָבֶער מֶען רֶעדְט בִּכְלָלִיּוּת - אָן דֶערְמַאנֶען אַ נָאמֶען פוּן אַ קִינְד.

דָאס אִיז אַ כְּלַל אִין חִינוּךְ: אַ זַאךְ וָואס אַ קִינְד הָאט גֶעטוּן בָּרַבִּים - דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּגֶעבְּן דֶערְמִיט בָּרַבִּים, אוּן אַ זַאךְ וָואס אַ קִינְד הָאט גֶעטוּן פְּרִיוַואט - דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּגֶעבְּן דֶערְמִיט פְּרִיוַואט.

## צוּעֶנְדִיגְן דֶעם שְׁמוּעֶס אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ וִויל אִיךְ עֶנְק זָאגְן, יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, מוּז מֶען גְלַייךְ צוּלֵייגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען וִויל גֶעבְּן אַ מֶעדֶעצִין פַאר אַ קִינְד, גְרֵייט מֶען פַארְדֶעם אָן אַ גְלֶעזְל מִיט אַ זִיסֶע גֶעטְרַאנְק, אַז גְלַייךְ וֶוען דָאס קִינְד וֶועט אַיינְנֶעמֶען דֶעם מֶעדֶעצִין, זָאל מֶען אִים קֶענֶען גֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען פוּן דֶעם זִיסְן גֶעטְרַאנְק, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיטְן שְׁלֶעכְטְן טַעַם אִין מוֹיל. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, מוּז מֶען צוּעֶנְדִיגְן דֶעם שְׁמוּעֶס אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן תְּשׁוּבָה, קֶען זַיין אַז עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער וֶועלְן בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן מִיט דִי דְרָשָׁה אוּן זִיךְ קְלַאפְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַז זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, וַוייל זֵיי הָאבְּן אַמָאל עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי עֲבֵירָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סַיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

## וָואס טוּט מֶען מִיט חִלוּקֵי דֵעוֹת צְוִוישְׁן עֶלְטֶערְן וִוי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַזוֹי, מַיין זֶעקְס יֶערִיגֶע טָאכְטֶער אִיז זֵייעֶר אַן אוּמְצוּפְרִידֶענֶע, ווִי אוֹיךְ פַארְגִינְט זִי נִישְׁט וֶוען אִיר שְׁוֶועסְטֶער אָדֶער שְׁכֵן וְכַדוֹמֶה בַּאקוּמְט עֶפֶּעס, וֶוען דָאס גֶעשֶׁעט פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג אוּן אִיר מַסְבִּיר זַיין אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס הָאבְּן וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט, אוּן דָאס גְלַייכְן.

זִי גֵייט צִי אַ טֶערֶעפִּיסְט אִין שׁוּלֶע, מַיין וַוייבּ הַאלְט אַז זִי דַארְף עֶס הָאבְּן וֶועגְן אִירֶע שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן, דִי טֶערֶעפִּיסְט הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט זַיין שְׁטְרֶענְג מֶען דַארְף נָאר אַרוֹיס וַוייזְן מִיטְלַייד צוּ אִיר, כְּדֵי אִיר צוּ וַוייזְן אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט אִיר.

אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ וֶוער שְׁטְרֶענְג מִיט אִיר, אִיךְ שְׁלָאג נִישְׁט בָּרוּךְ הַשֵׁם, גֶעבְּט מִיר מַיין וַוייבּ אַ וואוּנְק אַז אִיךְ זָאל אוֹיפְהֶערְן אוּן נָאר שָׁאקְלֶען מִיטְ'ן קָאפּ אוּן אִיר גֶעבְּן גֶערֶעכְט פַאר אַלֶע אִירֶע טַעֲנוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי דָאס צוּ הַאנְדְלֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִילְסְט ווִיסְן דֶער סוֹד צוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער? תְּפִלָה אִיז דֶער סוֹד פַאר גוּטֶע קִינְדֶער; אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זֵיי.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָפֵץ חַיִים. אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן סְפָרִים שַׁאנְק אַן אַלְטֶע תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעווִיזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וַויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן זַיין מִיט אֵיין דֵעָה בְּנוֹגֵעַ דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז ווִיכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס; שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר דִי גֶעזוּנְט פוּן דִי קִינְדֶער, קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף זִיכֶער אוּן גֶעזוּנְט וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַיינְשְׁטִימִיג, וֶוען דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט.

דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן מַחְלִיט זַיין ווִי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין מִיט דֶעם קִינְד, ווִי אַזוֹי צוּ בַּאהַאנְדְלֶען דִי שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן. אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ תּוֹרָה, אוּנְזֶער וֶועג אִיז נִישְׁט ווִי דִי טֶערֶעפִּיסְטְן לֶערְנֶען, דִי תּוֹרָה וֶועג אִיז יָא מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אוּן וֶוען קִינְדֶער פַארְפִירְן אוּן ווִילְדֶעוֶוען - דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אָבֶּער דָאס קֶענְסְטוּ טוּן אַז דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר, אַז זִי פַארְשְׁטֵייט אוֹיךְ אַז דָאס אִיז דִי אֱמֶתְ'עֶ וֶועג, זִי ווִיל פִירְן אַ שְׁטוּבּ אַזוֹי ווִי אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער; דֶער טַאטֶע אִיז שְׁטְרֶענְג, עֶר אִיז מְחַנֵךְ, אוּן דִי מַאמֶע קוּמְט אַרַיין מִיט דִי גְלֶעט אוּן וֵייכֶע וֶוערְטֶער וְכוּ'. אָבֶּער אַז זִי ווִיל גֵיין מִיט דִי לִינְקֶע וֶועג פוּן גָארְנִישְׁט זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי לָאזְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן - דֶעמָאלְט וֶועט דָאס קִינְד זַיין דִי כַּפָּרָה הִינְדְל צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דַיין וַוייבּ; דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין נַחַת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת ויקהל פקודי תשפ"ג)


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

אויף קול ברסלב

דרוקט: 1-2-4-2

- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קוֹל בּרסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876